**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/11/2025 **גאווערנער KATHY HOCHUL**

# גאווערנער HOCHUL אנאנסירט גרענטס פאר 'צוביסליכע צוריק-איינגלידערונג' פראגראמען פאר האספיטאליזירטע ניו יארקער וואס לעבן מיט גייסטישע קראנקהייט און אנטוויקלונג דיסאביליטיס

***'קריטישע צייט אינטערווענץ' מאנשאפטן צוזאמגעפארט מיט צייטווייליגע אריבערגאנג האוזינג צו העלפן ערוואקסענע זיך צוריקקערן זיכערערהייט צו זייער קאמיוניטי נאכן זיין האספיטאליזירט***

***סטעיט שטעלט צו ביז 85 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן נייע פראגראמען באדינענדיג מענטשן מיט גלייכצייטיגע גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען; אינטעלעקטועלע אדער אנטוויקלונג דיסאביליטיס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט גרענטס צו אוועקשטעלן פינף 'צוביסליכע צוריק-איינגלידערונג' פראגראמען צו העלפן ערוואקסענע וועלכע לעבן מיט גלייכצייטיגע גייסטישע קראנקהייט און אינטעלעקטועלע אדער אנטוויקלונג דיסאביליטיס זיך זיכערערהייט צוריק איינגלידערן אין זייער קאמיוניטי נאכפאלגנדיג דאס באקומען קעיר זייענדיג האספיטאליזירט. פארטיילט דורך די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH), וועט די 85 מיליאן דאלאר אין באדינגטע פינאנצירונג אויסגעשפרייט איבער פינף יאר העלפן סערוויס פראָווייִדערס אנטוויקלען באריכערטע 'צוביסליכע צוריק-איינגלידערונג' פראגראמען וואס שטעלן צוזאם קריטישע צייט אינטערווענץ (critical time intervention, CTI) מאנשאפטן מיט צייטווייליגע אריבערגאנג האוזינג צו זיכער מאכן אז די מענטשן קענען וואוינען אין זעלבסטשטענדיגע וואוין ערטער איינמאל זיי ווערן באפרייט פון א שפיטאל אדער אנדערע אנשטאלט.

"צו אפט האבן ניו יארקער וואס לעבן מיט גייסטישע קראנקהייט און גלייכצייטיגע דיסאביליטיס נישט די נויטיגע שטיצע צו ערפאלגרייך צו צוריק אריבערגיין צו אן אומאפהענגיגע לעבן", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די פינאנצירונג וועט העלפן דעוועלאפען די פאסיגע האוזינג פאר די מענטשן און זיי צוזאמפארן מיט א מאנשאפט וואס קען צושטעלן פאר זיי די שטיצע אויף וועלכע זיי קענען זיך פארלאזן צו בלייבן אין א זעלבסטשטענדיגע וואוין ארט אין זייער קאמיוניטי."

**ניו יארק סטעיט'ס טשיעף דיסאביליטי אפיסער Kim Hill Ridley (קים היל ריידלי) האט געזאגט,** "איך לויב אויס די גאווערנער פאר די איניציאטיוו וואס וועט אויפטוהן אסאך צו זיכער מאכן אז מענטשן מיט דיסאביליטיס ווערן באדינט אין די מערסטע איינגעגלידערטע פלאץ וואס איז פאסיג פאר זייערע באדערפענישן. אלס פארזיצערין פון ניו יארק'ס 'מערסט איינגעגלידערטע פלאץ קאארדינירנדע קאונסיל" (Most Integrated Setting Coordinating Council), וואס איז באאויפטראגט מיטן זיכער מאכן אז די Olmstead אורטייל ווערט איינגעפירט אין ניו יארק — [זאג איך אז] דאס איז א נוצבארע כלי אויף וועלכע מיר וועלן זיך קענען פארלאזן צו זיכער מאכן אז מענטשן מיט דיסאביליטיס קענען וואוינען זעלבסטשטענדיגערהייט אין זייערע אייגענע קאמיוניטיס."

די פּראָווײַדערס אין ניו יאָרק סיטי און לאנג איילענד וועלן באקומען 2.1 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר אנגייענדע אפעראציעס און $652,216 סטעיט הילף יערליך איבער פינף יאר כדי צו אויפהאלטן די פראגראמען. די פּראָווײַדערס פון די מערב ניו יארק, צענטראל ניו יארק און האדסאן ריווער וואלי ראיאנען וועלן באקומען גרענטס פון ביז אזויפיל ווי 1.9 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר אנגייענדע אפעראציעס און $604,042 סטעיט הילף יערליך איבער פינף יאר.

פראגראמען סיי אפסטעיט און סיי דאַונסטעיט וועלן אויך באקומען איינציגווייזע גרענטס פון $100,000 צו עפענען די קריטישע צייט אינטערווענץ מאנשאפטן וועלכע וועלן באדינען די בארייכערטע צוביסליכע צוריק-איינגלידערונג יוניטס. פּראָווײַדערס צו באקומען פון די גרענטס רעכענען אריין:

- **The ARC Jefferson-St. Lawrence**, באדינענדיג דזשעפערסאן און סעינט לאורענס קאונטיס.
- **AccessCNY**, באדינענדיג קאַיוגע, קאָרטלאנד, מעדיסאן, אָנאָנדאַגא און אסוויגאָו קאונטיס.
- **CP Unlimited**, באדינענדיג וועסטשעסטער קאונטי.
- **Family Residences and Essential Enterprises Inc**, באדינענדיג נעסאו קאונטי.
- **AHRC**, באדינענדיג ניו יארק סיטי.

אין צוגאב צו די גרענטס, שטעלט די OMH צו אומגעפער 10 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג כדי די קערפערשאפטן וואס באקומען עס זאלן קענען אויפבויען די וואוינונג ערטער פאר דעם פראגראם. די פינאנצירונג סומעס וועלן באשטימט און געשאנקען ווערן אזוי ווי יעדער פראיעקט לאזט זיך ארויס אונטערוועגנס אין די קומענדיגע חודשים.

מענטשן וואס לעבן מיט גלייכצייטיגע גייסטישע געזונטהייט און אינטעלעקטואלע אדער אנטוויקלונג דיסאביליטיס באנוצן זיך אפטמאל אסאך מיט עמערדזשענסי פסיכיאטרישע סערוויסעס און פסיכיאטרישע האספיטאליזאציע סערוויסעס, אפילו ווען זיי וואלטן געקענט בעסער באדינט ווערן וואוינענדיג אין די קאמיוניטי. בארייכערטע צוביסליכע צוריק-איינגלידערונג פראגראמען שטעלן צו א ספעציאליזירטע קריטישע צייט אינטערווענץ מאנשאפט און א צייטווייליגע אריבערגאנג וואוין ארט. די פראגראמען וועלן זיך קאנצענטרירן אויף מענטשן וואס גייען אריבער פון שפיטאל-באזירטע קעיר צו די קאמיוניטי און העלפן זיי אנגרייטן צו לעבן מער זעלבסטשטענדיגערהייט אין זייער קאמיוניטי.

די מאנשאפטן וועלן אפשאצן די מצב פון מענטשן בעפארן באפרייט ווערן פון אן אנשטאלט אדער עמערדזשענסי רוּם כדי צו באשטימען אויב זיי זענען בארעכטיגט פאר דעם אריבערגאנג וואוינונג פראגראם. די קעיס מענעדזשמענט און וואוינונג שטאב מיטגלידער וועלן ארבעטן אלס איין מאנשאפט צו זיכער מאכן אז אנטיילנעמנדע מענטשן קענען וואוינען אין א זעלבסטשטענדיגע וואוין ארט. די CTI מאנשאפטן וועלן אויך זיין אוועילעבעל צו שטיצן מענטשן וועלכע דארפן שטיצע מיט אן אריבערגאנג אבער וועלכע ווערן נישט אריינגענומען אין די וואוינונג חלק פון דעם פראגראם.

**סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, Dr. Ann Sullivan (דר. ען סאָליוועו), האט געזאגט,** "די אריבערגאנג פון קעיר זייענדיג האספיטאליזירט צו וואוינען אין די קאמיוניטי קען זיין שווער פאר מענטשן וואס לעבן מיט גלייכצייטיגע גייסטישע קראנקהייט און אינטעלעקטואלע אדער אנטוויקלונג דיסאביליטיס. די בארייכערטע צוביסליכע צוריק-איינגלידערונג פראגראמען וועלן העלפן ניו יארקער ערפאלגרייך מאכן די אריבערגאנג, פארבינדן ווערן מיט לאקאלע סערוויסעס און זיכער מאכן אז זיי האבן די סקילס וואס פעהלן זיך אויס צו וואוינען ערפאלגרייכערהייט אין זייער קאמיוניטי."

**אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס ( Office for People With Developmental Disabilities, OPWDD) ציטווייליגער קאמישאנער, Willow Baer (ווילאָו בעיר), האט געזאגט,** "די קריטישע צייט אינטערווענץ מאנשאפטן זענען א צענטראלע עלעמענט פון גאווערנער Hochul (האקול)'ס ארומנעמיגע פארפליכטונג צו אדרעסירן די שטיצע באדערפענישן פון ניו יארקער מיט קאמפליצירטע גייסטישע געזונטהייט אומשטענדן אין די מערסט פאסיגע פלאץ און אויף אן אופן וואס פארבעסערט געזונטהייט תוצאות, צושטעלנדיג אינטענסיווע אריבערגאנג שטיצע דורכאויס צייטן פון באפרייט ווערן [פון אן אנשטאלט] און פלאנירונג פאר נאך די קעיר. OPWDD סערוויס פּראָווײדערס וועלכע זענען געשאנקען געווארן די געלעגנהייט וועלן צושטעלן קריטישע סטאביליזירנדע שטיצע פאר מענטשן מיט גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען און גלייכצייטיגע אנטוויקלונג דיסאביליטיס, דראג באנוץ אדער מעדיצינישע פראבלעמען צו זיכערערהייט זיך צוריק איינגלידערן אין זייער קאמיוניטי נאכפאלגנדיג באהאנדלונג אין שפיטעלער, קינדער מעדיצין אפטיילונגען אדער פסיכיאטרישע אפטיילונגען."

**סטעיט סענאטארשע Patricia Fahy (פעטרישע פעיהי) האט געזאגט,** "די היינטיגע לאנג-טערמיניגע אינוועסטירונג אין 'צוביסליכע צוריק-איינגלידערונג' פראגראמען שפיגלט אפ א קריטישע טריט אויף פאראויס ביים זיכער מאכן אז ניו יארקער מיט גלייכצייטיגע גייסטישע קראנקהייט און אנטוויקלונג דיסאביליטיס באקומען די קעיר און שטיצע וואס זיי דארפן צו ערפאלגרייך זיך צוריק איינגלידערן אין זייערע קאמיוניטיס. דורכן צוזאמפארן ציטווייליגע אריבערגאנג האוזינג מיט ספעציעלע אינטערווענץ מאנשאפטן, טוהען מיר נישט נאר פארשטערקערן די סטאביליטעט פאר די ניו יארקער, נאר מיר טוהען אויך פארשטערקערן אונזער ברייטערע גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם. איך לויב אויס גאווערנער Hochul (האקול) און ניו יארק'ס אפיס פון גייסטישע געזונטהייט פארן גיבן פריאריטעט פאר די קריטישע סערוויסעס און פארן צושטעלן די הילפס-מיטלען וואס זענען נויטיג צו שטופן פאר לאנג-טערמיניגע ערהוילונג און ביים ענדע — זעלבסטשטענדיגקייט."

**סטעיט סענאטארשע Samra G. Brouk (סאמרא ג. ברוק) האט געזאגט,** "מענטשן מיט גייסטישע קראנקהייט און אינטעלעקטועלע אנטוויקלונג דיסאביליטיס דארפן האבן קעיר אויף אן אנגייענדן פארנעם וואס העלפט זיי אריבערגיין צו א זעלבסטשטענדיגע לעבן. די בארייכערטע 'צוביסליכע צוריק-איינגלידערונג' פראגראמען וועלן ערלויבן נויטבאדערפטיגע מענטשן צו געטראפן ווערן דורך קריטישע צייט אינטערווענץ מאנשאפטן וועלכע וועלן גיבן פריאריטעט פאר ספעציאליזירטע קעיר און זיכערהייט. איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול)'ס אינוועסטירונג אין גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס וועלכע קענען פאזיטיוו טראנספארמירן די לעבנס פון ניו יארקער מיט אומערפילטע קאמפליצירטע באדערפענישן און זיי העלפן בליהען."

**אסעמבלי מיטגליד Angelo Santabarbara (ענדזשעלאָו סענטעבאַרבארע) האט געזאגט,** "דאס זיכער מאכן אז מענטשן מיט גלייכצייטיגע גייסטישע קראנקהייט און אנטוויקלונג דיסאביליטיס האבן די שטיצע וואס זיי דארפן זיך צוריק צו איינגלידערן אין זייער קאמיוניטי איז יסודות'דיג. די 'צוביסליכע צוריק-איינגלידערונג' פראגראמען שפיגלען אפ א קריטישע אינוועסטירונג צו בויען א בריק צווישן קעיר אין אן אנשטאלט און צווישן וואוינען זעלבסטשטענדיגערהייט, צושטעלנדיג די סערוויסעס און סטאביליטעט וואס זענען נויטיג פאר לאנג-טערמיניגע הצלחה. דורכן צוזאמפארן ציטווייליגע אריבערגאנג האוזינג מיט געציהלטע אינטערווענץ, טוהען מיר נישט בלויז פארבעסערן די עווענטועלע תוצאות — נאר מיר ווידערהאלן דערמיט אונזער פארפליכטונג צו כבוד הבריות, אריינגעמונג פון יעדן און קעיר פון א הויכע קוואליטעט פאר אלע ניו יארקער."

**אסעמבלי מיטגלידערין Jo Anne Simon (דזשאָו ען סיימאן) האט געזאגט,** "מענטשן מיט גלייכצייטיגע גייסטישע געזונטהייט און אנדערע דיסאביליטיס שטייען אפט אויס באדייטנדע שוועריגקייטן ביים אריבערגיין קעיר אין אן אנשטאלט צו וואוינען אין די קאמיוניטי. די צוביסליכע צוריק-איינגלידערונג פראגראמען וועלן העלפן בויען א בריק העכער די לאך, צושטעלנדיג ארגאניזירטע שטיצע דורכאויס די

קריטישע אריבערגאנג תקופה. דורקכן אויסברייטערן צוטריט צו קריטישע סערוויסעס, מאכן מיר זיכער אז אלע ניו יארקער באקומען די קעיר וואס זיי דארפן אין די קאמיוניטי וואו זיי וואוינען כדי צו האבן געזונטערע און מער זעלבסטשטענדיגע לעבנס."

די פינאנצירונג איז טייל פון גאווערנער Hochul (האקול)'ס היסטארישע 1 ביליאן דאלארדיגע גייסטישע געזונטהייט פלאן, וואס איז איינגעפירט געווארן לעצטע יאר צו פארשטערקערן די סטעיט'ס סיסטעם פון קעיר. אנגענומען אלס טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, טוט די פלאן פאר עטליכע יארן יעצט דראמאטיש פארמערן צוטריט צו סערוויסעס, רעדוצירן צייטן ווי לאנג מען דארף ווארטן פאר אפוינטמענטס און פארזיכערן צופרידנשטעלנדע שטאפלען פון קעיר אריבער די סטעיט.

די פלאן האט אריינגערעכנט 890 מיליאן דאלאר אין איינמאליגע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען און 120 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר אנגייענדע אפעראציעס צו קענען אוועקשטעלן און אויפהאלטן 3,500 נייע וואוינונג יוניטס פאר ניו יארקער מיט גייסטישע קראנקהייטן. די יוניטס רעכענען אריין 1,500 שטיצנדע האוזינג יוניטס, 500 איין-צימערדיגע יוניטס אין די קאמיוניטי; 900 צייטווייליגע יוניטס זיך צוביסלעך צוריק צו איינגעוואוינען צו וואוינען אליין; און 600 לייסענסירטע אפארטמענט יוניטס דינענדיג מענטשן וועלכע פארלאנגען סערוויסעס אויף א מעסיגע פארנעם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן